# מאַריענבאַד

### 1.

**בעלצי קורלענדער פון בערלין צו איהר מאַן שלמה קורלענדער אויף די נאַלעווקים אין וואַרשאַ.**

לבעלי היקר מוהר"ר שלמה נ"י.

איך קום דיר צו מעלדען, אַז דערווייל בין איך נאָך אין בערלין און וועל ערשט קאָנען אַרויספאָהרען קיין מאַריענבאַד הלואי נאָך שבת. איך דאַרף מיך פאַר דיר נישט פערענטפערען, נאָר דו קאָנסט מיר גלויבען, אַז איך בין כּלל נישט שולדיג, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל מיך פערהאַלטען אין בערלין אַ גאַנצע וואָך צייט. אַז דו וועסט אויסהערען ביז'ן סוף אַלסדינג, וואָס איך האָב דאָ איבערגעטראָגען, וועסט דו אַליין זאָגען, אַז מע קאָן נישט אויסרעכענען אַ זאַך אויף צופריהער. „אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט". אַזוי איז די מעשה:

איך האָב גערעכענט צו פערברענגען אין בערלין מעהר נישט, אַז איין טאָג, העכסטענס — צוויי. וואָרום וואָס דאַרף געדויערען זיין ביי'ם פּראָפעסאָר? וואָלט געווען גוט, ווען איך ברענג אַראָפּ דעם פּראָפעסאָר צו זיך. האָב איך מיר אָבער איבערגעלעגט: צו וואָס זאָל איך דיר אויסברענגען איבעריגע דרייסיג מאַרק, וואָס קאָנען צונויז קומען אויף עפּיס אַנדערש? איך הער אַזוי אויך אָפּטמאָל פון דיר, אַז עס געהט אַוועק אַ סך געלד, און די צייט, זאָגסט

דו, איז איצט אויך נישט אין בעסטען, און נאָך כדומה אזעלכע אָנצוהערענישען הער איך פון דיר... און מחמת דעריבער האָב איך שוין נישט געוואָלט פערפאַהרען אין יענעם האָטעל אויף דער פריעדריכשטראַסע, וואָס מיין קרובה חוה'לע האָט מיר געהאַט אויפגעשריבען. ווי קאָן איך מיך גלייכען צו חוה'לע טשאַפּניק? חוה'לע מעג אויסברענגען וויפיעל זי וויל, ווייל, ווערט איהר קיינער נישט זאָגען, וואָרום חוה'לע איז נישט דאָס צווייטע ווייב ביי איהר מאַן, אַזוי ווי איך, און איהר מאַן האָט נישט קיין קינדער פון'ם ערשטען ווייב, אַזוי ווי מיין מאַן, און בערעל טשאַפּניק ציטערט נישט אַזוי איבער'ן גראָשען, ווי דו, און האָט נישט מורא בלייבען איין אָרעמאַן אויף דער עלטער, ווי דו האָסט מורא. איך מיין נישט, חלילה, קיין זאַך, איך זאָג עס גאַנץ ערנסט, אַז איך וויל דיר נישט אויסברענגען קיין איבעריגס, און מחמת דעריבער האָב איך מיך אָפּגעשטעלט דאָרט, וואו אַלע אונזערע נאַלעווקער שטעלען זיך אָפּ, ביי דער פערעלצווייג. דאָס איז אַ אידינע איין אַלמנה, זעהר אַ וואָהלע בעל־הבית'טע און איין עהרליכע, קאָכט אויסגעצייכענט און נעמט נישט טייער, און ס'איז נישט ווייט פון אומעטום. פאַר צעהן פעניג ביזט דו אויף דער לייפּציגער שטראַסע, ביי ווערטהיימער'ען. און ווי איז דאָס מעגליך זיין אין בערלין און נישט אַריינגעהן אויף אַ מינוט צו ווערטהיימער'ען? דו זאָלסט זיין איין מאָל ביי ווערטהיימער'ען, וואָלסט דו אַליין געזאָגט, אַז ס'איז אונמעגליך. דעם נאָמען ווערטהיימער האָב איך געהערט נאָך אין וואַרשאַ. נאָר איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס קאָן זיין אויף דער וועלט אַזאַ מין געוועלב. וואָס זאָל איך דיר זאָגען, בעלי היקר? עס לאָזט זיך גאָר נישט בעשרייבען! וואָס איין אויג קאָן זעהען און וואָס אַ מויל קאָן רעדען! און מענשען — אַ שפּילקע נישט דורכצוואַרפען! און אַלסדינג בזיל הזול, פּונקט די העלפט געגען די מקחים, וואָס ביי אונז אויף די נאַלעווקים. שטעל דיר פאָר: צוויי מאַרק אַ טוץ נאָזטיכלעך! אָדער פאַר אַכט און נייענציג פעניג אַ פּאָר זאָקען זיידענע, וואָס דו וועסט זיי נישט קויפען ביי אונז פאַר קיין

רובעל מיט צוואַנציג. צי, אַשטייגער, פאַר אַכט און זעכציג פעניג
אַ וואַנדזיינגער — נו, קאָן מען לעבען? איך רעכען, אַז גאָט וועט
העלפען, איך וועל פאָהרען צוריק אַהיים געזונדערהייד, זאָל איך
פאָהרען ווידער איבער בערלין, נישט איבער וויען, — וויען איז,
זאָגט מען, אַ העק, אַ פוסטקע אַקעגען בערלין — און ערשט רעמאָלט
זיך אַריינחאַפען צו ווערטהיימער׳ען און מיט אַ ריינעם קאָפ זיך
אַ נעם טהון איינקויפען אין בעל־הבתישקייט אַריין אַלסדינג, וואָס
מע דאַרף: אַביסעל גלאָזוואַרג און אַביסעל פאַיאַנס און אַנדערע
שטוב־זאַכען. היינט זיידענשטאָף און מעבעל און פערפומען. פאַר
דער גרעניץ זאָלסט דו קיין יסורים נישט האָבען. איך וועל מיר
שוין מסתמא איין עצה געבען. חוה׳לע טשאַפניק פיהרט־אַריבער־
אַלע יאָהר גאַנצע קאָסטענס. דערווייל האָב איך מיר נאָך כמעט
גאָרנישט געקויפט, אויסער אַביסעל וועש, אַ פאָר זומערדיגע ...
נאָך אַ היטעלע, און אַ שלאָפראָק פון הוילע סטענגעס, אַ האַלב ...
אונטערשטע קליידלעך, אַ גרינעם זיידענשירם, הענטשקעלעך,
שפיצלעך און פריזלעך מיט נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איך מוז עס
האָבען קיין מאַריענבאַד. און ווייל איך בין שוין געוועזן ביי ווער־
טהיימער׳ען, האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און געהיי־
סען אין איין־וועגס אַריינפאַקען אַ האַלב טוץ טישטיכער מיט צוויי
טוץ סערוועטלעך מיט אַ מאַשינדעל אויף צו שלאָגען פוטער. איך
האָב חרטה, ווי הינט עסען מיך, וואָס איך האָב דיר נישט געפאָלגט
און נישט מיטגענומען נאָך אַ פאָר הונדערטער. אַ גרויסע נאַריש־
קייט פון מיר, וואָס איך האָב מיך געוואָלט אויספיינען פאַר דיר,
אַז איך בין נישט אַזאַ גרויסע אויסברענגערין, ווי דו מיינסט. אַ
סך מעהר מצוה געווען אין ווערטהיימער׳ען, איידער אינ׳ם דאָק־
טאָר, אויסקרענקען זאָל ער דאָס! נאָך אין בערלין האָט מיר גע־
פעהלט אַ דאָקטאָר! קאַרג האָבען מיר דאָקטוירים אין וואַרשאַ!
מאָהל דיר, די בערלינער דאָקטורים וואָלטען שוין געמענט וואַרטען,
ביז איך וועל זיי שיקען רופען. איז אָבער בעשערט איין אומגליק,
וועסט דו הערען.

איך בין נאָר געקומען צו פאָהרען אויף דער סטאַנציע, וואָס איך זאָג דיר, ביי דער פערעלצווייג, נאָך נישט צייט געהאַט זיך ארומצוּוואַשען און אָנטהון, ווי עס געהער צו זיין, האָט מען מיך שוין א נעם געגעבען: וואָס פאר א דאָקטאָר איך וועל מיר הייסען ברענגען? זאָג איך: „ערשטענס, ווער האָט אייך געזאָגט, אז איך דארף א דאָקטאָר? זעה איך דען אויס אזוי שלעכט, וואָס מע דער־קענט עס אויפ'ן פנים? און צווייטענס, זאָג איך, האָב איך פון דער היים איין אדרעס צום פּראָפעסאָר". רופט זיך אָן צו מיר איי־נער עפּיס איין אלטער בחור מיט א נאָז, וואָס סע וואַכסט אויף איהר ווייםפערלעך: „האָט קיין פאַראיבעל נישט, זאָגט ער, מאַ־דאַם, וואָס איך וועל אייך זאָגען. אָט ווייל, זאָגט ער, איהר האָט איין אדרעס צום פּראָפעסאָר, מוזט איהר זיך פריהער זעהען, זאָגט ער, מיט'ן דאָקטאָר. ווארום ס'איז א גרויסע נפקא־מינה, זאָגט ער, פון דעם וואָס א י ה ר וועט זאָגען דעם פּראָפעסאָר, ביז, זאָגט ער, דער דאָקטאָר וועט איהם, זאָגט ער, זאָגען אויף זיין דאָקטאָר־לשון". לאָזט זיך אויס, אַז אָט דער אלטער בחור מיט דער רויטער נאָז וואָהנט טאַקי ביי אָט דער אלמנה פערעלצווייג, וואָס איך זאָג דיר, און ער איז א קאָמיסיאָנער פון דאָקטוירים, דאָס הייסט, ער פערנעמט זיך דערמיט, וואָס ער ברענגט־אראָפּ א דאָקטאָר, אז מע דארף, און דער דאָקטאָר ברענגט שוין אראָפּ דעם פּראָפעסאָר, אָדער ער פיהרט שוין אָפּ צום פּראָפעסאָר אהיים. געב איך זיי אָנצוהערע־ניש, אז מיך פיהרט מען נישט. „איך בין נאָך, זאָג איך, גאָט זיי דאַנק, אויף אזוי פיעל קרעפטיג, אז איך קאָן נאָך געהן א מייל צו־פוס". רופט זיך אָן צו מיר דער קאָמיסיאָנער מיט די ווייםפער־לעך: „מאַדאַם! ביי מיר האָט איהר, זאָגט ער, גע'פועל'ט, אז איהר קאָנט געהן דריי מייל צו־פוס. נאָר איך דארף אייך זאָגען פריהער, אז ס'איז ארויסגעוואָרפען, זאָגט ער, אייער טרחה. א בערלינער פּראָפעסאָר, זאָגט ער, אז איהר קומט צו איהם אליין אָהן א דאָקטאָר, האַלט ער אייך נישט מעהר, זאָגט ער, ווי א האַלבע מינוט, פּי־פּו־פּאַ, א קלאַפּ מיט'ן פינגער, איינס־צוויי־דריי, און —

אַראָפּ פון מאַרק. פּערטיג. און אַז איהר קומט, זאָגט ער, מיט אייער דאָקטאָר, איז גאָר אַנדערע ווערטער. אַ דאָקטאָר קאָן ער נישט אָפּזאָגען. אַ דאָקטאָר מוז ער אויסהערען. האָט איהר שוין, זאָגט ער, פערשטאַנען, צי נאָך נישט?"...

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ער האָט מיר אַראָפּגעבראַכט דעם דאָקטאָר. איז מיר דער דאָקטאָר אַפילו באַלד נישט געפעלען אין שלייער. ער קוקט נישט אין די אויגען אַריין, האָט קיין צייט נישט, און רעדט מיט אַ קוויטש. האָסט עפּיס ליעב אַ דאָקטאָר, וואָס קוקט נישט אין די אויגען אַריין און רעדט מיט אַ קוויטש?

אויסגעפרעגט זיך ביי מיר, ווער און וואָס און ווען, און גוט בעטראַכט מיך פון אַלע זייטען, איז ער אַ בעלן געווען, דער קלוגער דאָקטאָר, מיך אַוועקלעגען אין בעט, איך זאָל איהם ליגען ביז מאָר־גען. מאָרגען וועט ער מיך, זאָגט ער, נאָך אַ מאָל בעטראַכטען. און ערשט דעמאָלט וועט ער מיר, הייסט עס, זאָגען, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר ער זאָל מיך מעלדען. דערהערט, אַז ער וויל מיך אַוועק־לעגען, האָב איך איהם אויפגעקלערט, אַז פון אַוועקלעגען מיך זאָל ער פערגעסען. איך בין נישט געקומען, זאָג איך, קיין בערלין ליגען. איך דאַרף זיין, זאָג איך, ביי ווערטהיימער'ען, און דאַרף זיין ביי טיטצען, און וויל, זאָג איך, זיין אומעטום. אויב ער וויל, זאָג איך, קומען מאָרגען, מעג ער קומען, נאָר מיך אַוועקלעגען אין בעט — דאָס, זאָג איך, וועט נישט געהן!... ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אָנגעטראָפען אויף אַ יאַחנע פון די נאַלעווקים און וועט ביי איהר ציהען מאַרקען! איך האָב באַלד אַרויסגעזעהען, אַז ס'איז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ פּיאַווקע. והראיה, אָט וועסט דו הערען, וואָס אַ בלוטצאַפּער קאָן! די האָר שטעלען זיך קאַפּויר!

אויף אין דערפריה, איך קום מיט איהם צום פּראָפעסאָר, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָרנישט דער פּראָפעסאָר, וואָס חוה'לע טשאַפּ־ניק האָט מיר פערשריבען. ס'איז גאָר איין אַנדער פּראָפעסאָר אויף גאָר אַנדערע שלאָפקייטען. דאָס בין איך געוואָהר געוואָרען ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט מיך גוט אָנגעמוטשעט, און מיר זענען אַרויס־

געגאַנגען פון דאָרטען און געזעצט זיך פאָהרען. האָב איך געמיינט, מיר פאָהרען אַהיים; צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר פאָהרען צו נאָך אַ פּראָפעסאָר, און ווידער נישט צו דעם פּראָפעסאָר, וואָס איך מיין. צו אַ פּראָפעסאָר איין אַקושער האָט ער מיך גאָר גע־בראַכט צו פיהרען! ווער איך דאָך מסתמא רעכט אויפגעבראַכט און הויב אָן צו גוואַלדעווען. ענטפערט מיר דער דאָקטאָר מיט זיין קוויטשינג קול'כעל, אַז איך בין נישט אין וואַרשאַ אויף די נאַלעווּ־קיס, איך בין אין בערלין, און אַז איך זאָל נישט מאַכען קיין לאַנגע טענות, און אַז ער האָט קיין צייט נישט, און אַז ער ווייסט בע־סער, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר איך דאַרף! האָסט דו עפּיס צו איהם? און אָט אַזוי, ווי איך זאָג דיר, זענען מיר אויסגעוועזן, לאָז זיך דיר דאַכטען, ביי דריי פּראָפעסאָרען, און אַלע דריי פּראָפע־סאָרען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אויפגערעדט, האָבען געזאָגט אַלע אין איין קול: „מאַריענבאַד!" — ווי באַלד אַזוי, צו וואָסער אַ כפּרה האָב איך בעדאַרפט די פּראָפעסאָרען, און נאָך דריי דער־צו? מאַריענבאַד האָב איך דאָך געהערט נאָך אין וואַרשאַ. קורץ, שולדיג געוועזן דעם רוח אַ גאַנג — פאַרפאַלען.

געקומען אַהיים, בין איך געוועזן אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב מיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, און איך האָב מיך שוין, נישט ווילענדיג, געמוזט אַריינלעגען אין בעט אַריין. מיינסט דו דאָך, אַז לאַנג בין איך געלעגען? נישט מעהר זאָל דער דאָקטאָר לעבען אויף דער וועלט. עס האָט מיך אין דער גיך געגעבען אַ טראָג־אויף פון בעט, גלייך ווי אַ דונער וואָלט מיך דערשלאָגען. שטעל דיר פאָר אַ חשבון פון אַ פעלד־גזלן: איך זאָל איהם בעצאָהלען, זאָגט ער, אַכציג מאַרק! פאַר וואָס אַכציג מאַרק? „אַ פּראָסטער חשבון, זאָגט ער: צוויי וויזיטען צו צעהן — איז צוואַנציג. דריי קאָנסוליומס ביי דריי פּראָפעסאָרען צו צוואַנציג — איז זעכציג. און זעכציג מיט צוואַנציג איז, זאָגט ער, אַלע מאָל און אומעטום אַכציג".
האָב איך אויפגעהויבען מסתמא אַזאַ סקאַנדאַל, אַז מע איז זיך צע־לאָפען אַלע: די בעל־הבית'טע די אלמנה, דער אַלטער בחור

דער שלים־מזל און אַלע איבעריגע געסט. „וואו זענען מיר? — האָב איך מיך צעשריען אויף זיי. — אין בערלין, צי אין סדום? עס איז ביי אייך ערגער, זאָג איך, טויזענד מאָל, ווי ביי אונז אין רוסלאַנד! נישט קיין דאָקטוירים זענען ביי אייך, זאָג איך, נאַר הוליגאַנעס! פּאָגראָמשטשיקעס!" מיט איינעם וואָרט, וואָס מיר איז געקומען אויפ'ן מויל, דאָס האָב איך זיי געזאָגט. און לאָז זיך דיר דאַכטען, עס האָבען זיך אריינגעלעגט מענשען, און מע האָט אונז קוים מיט צרות אויסגעגלייכט פאַר פינף און פופציג מאַרק. פינף און פופציג מכות זאָלען זיך איהם זעצען, דעם שע־נעם דאָקטאָר, אויפ'ן פּנים! ביזט דו שוין פאַרטיג? האָב צייט. ס'איז נאָך פאַרהאַן איין אַלטער בחור מיט אַ רויטער נאָז מיט ווייסבערלעך, הייסט ער זיך אַ חוץ בעצאָהלען פופצעהן מאַרק. וואָס איז דאָס? דאָס איז, זאָגט ער, זיין קאָמיסיאָן פאַר'ן דאָקטאָר, וואָס ער האָט מיר, זאָגט ער, רעקאָמענדירט. וואָס זאָגסט דו צו אַזאַ פּרא־אדם? עס האָט מיך אַזוי פערקאָכט ביי'ם האַרצען, אַז עס האָט זיך מיר אָפּגערופען מיין אומגליק, און איך בין געבליבען ליגען מיט אַ מיגרען ביז'ן אַנדערען טאָג. אַ קלייניגקייט — אַזוי פיעל געלד אַרויסצוּוואַרפען, און פרעג — אויף וואָס? אויף ווען? וואָלט נישט גלייכער געווען צעהן טויזענד מאָל דאָס איבערלאָזען בעסער ביי ווערטהיימער'ען? איך עס מיך אויף אַ לעבעדיגע, וואָס איך בין נישט געקומען אַהער מיט איין וואָך פריהער. וואָלט איך געטראָפען דאָ מיין חוה'לע — פאַרט אַ קרובה, און וואָלט נישט אריינגעפאַלען צו אָט די פּיאַווקעס אין די הענד אריין. אַ שטיקעל גליק, וואָס בערלין איז אַ שטאָדט, וואָס איז פאַרהאַן וואָס צו זעהען; אַנישט, וואָלט איך קראַנק געוואָרען פאַר דאָסאַדע. און צו זעהען איז דאָ אין בערלין אין איין טאָג אַזוי פיעל, וואָס דו וועסט דאָס נישט זעהען ביי אונז אין וואַרשאַ אין דרייסיג יאָהר אַפילו. אַ חוץ ווערטהיימער'ען און טיטץ און נאָך אַזעלכע געוועל־בען, איז פאַרהאַן אין בערלין אַ „ווינטערגאַרטען" מיט איין „אַפּאָ־לאָ־טהעאַטער", מיט אַ צירק „שומאַן" און מיט אַ צירק „בוש".

היינט איז דאָ, זאָגט מען, אַ „לבנה־פּאַרק“ — איז דאָס גאָרנישט צו בעשרייבען. איך קלויב מיך ערשט געהן אַהינצו, אם ירצה השם, מאָרגען, וועל איך דיר שוין מאָרגען בעשרייבען. דערוויילע זייַ געזונד און זאָג שבע־רחל׳ען, זי זאָל אַכטונג געבען נישט בלויז אין קיך, נאָר אויף דער גאַנצער שטוב זאָל זי אַכטונג געבען. איך האָב פאַר׳ן אַוועקפאָהר פערגעסען פערשרייבען אַ קעלנערעל מיט צוויי ציכעלעך אין קויטיגען גרעט. און אַ סלאָי איינגעמאַכטס האָב איך אָנגעהויבען אַ טאָג פאַר׳ן אַוועקפאָהר, איז פון איהם זאָל זי נוצען אין קיך אַריין און נישט אָנריהרען מעהר פון די איינגעמאַכטסען, וואָס אויפ׳ן באַלקאָן אונטער׳ן קאַסטען. און בריעף זאָלסט דו מיר שרייבען, למען השם, קיין מאַריענבאַד פּאָסט רעסטאַנט, ווי מיר האָבען אָפּגעשמועסט.

פון מיר דיין פרוי ב ע ל צ י  ק ו ר ל ע נ ד ע ר .

---

.2

**שלמה קורלענדער פון די נאַלעווקיס אין ווארשאַ צו זיין פריינד חיים סאַראַקער אין מאַריענבאַד.**

ליעבער פריינד חיים.

איך האָב צו דיר, ידידי, אַ קליינע בקשה, דאָס הייסט, נישט קיין קליינע, נאָר טאַקי אַ גרויסע בקשה. אַ גאַנץ גרויסע! עס האָט מיך געטראָפען, ליעבער פריינד, איין אומגליק: מיין בעלצי פאָהרט קיין מאַריענבאַד. וואָס עפּיס פּלוצים קיין מאַריענבאַד? פרעג מיך עפּיס גרינגערס. זי זאָגט, אַז זי איז נישט געזונד און מוז האָבען מאַריענבאַד. און דער דאָקטאָר זאָגט אויך, אַז זי איז נישט געזונד און מוז האָבען מאַריענבאַד. און אַז צוויי זאָגען שכור, דאַרף דער דריטער געהן שלאָפען... נאָר בסוד וועל איך דיר איבערגעבען — און איך בעט דיך, אַז צווישען אונז זאָל עס טאַקי בלייבען, — איך פערשטעה דעם שכל פון מאַריענבאַד. אַז די מאַדאַם טשאַפּניק פאָהרט קיין מאַריענבאַד, היינט פאַר וואָס זאָל די מאַדאַם